National Library of Israel

**The Jewish Morning Journal - דע , 11.03.1921, page 2**

# דער נאדווארנער רבי וועגען די הארוויץ מצה

זייט א לענגערע צייט וואוינט אין ניו יארק הרב הצדיק ר׳ מאיר ליפער שליט״א, בן הרב הצדיק ר׳ בערטשען ז״ל ונכד הרב הצדיק ר׳ מרדכי׳לע נאדווערנער.

רב מאיר ליפער, וועלכער איז בעקאנט אלס דער נאדווערנער רבי, האט מיט עטליכע טעג צוריק בעזוכט דיא מצה בעקעריי פון הארוויץ בראדערס און מארגארעטען . דער רבי איז צוזאמען מיט זיינע גבאים, אין דער בעגלייטונג פון דער הארוויץ פאמיליע, דורכגעגאנגען אלע געביידען און פלארס פון דער ריעזיגער מצה בעקעריי, און האט אויסגעדריקט זיין ערשטוינונג איבער דער וואונדערבארער "מצה פאבריק", וואס איז געווען מעגליך צו פערווירקליכען נאר אין אזא געוואלדיגען אידישען צענטער ווי ניו יארק איז.

ווען מען האט נאכהער געפרעגט דעם צדיק וואס ער האט צו זאגען וועגען דער מצה בעקעריי, האט ער ערקלערט: "איך האב נאך אזא מצה בעקעריי קיינמאל ניט געזעהען, און זי זיך אפילו ניט געקענט פארשטעלען. נאטירליך, מיר אידען אין אייראפא זיינען געוואוינט נור צו האנד מצות, ווייל מאשין מצות זיינען דארט פונקט אזוי אונגעוויטיג, ווי דא זיינען האנד מצות אונמעגליך. איך בין געווען איבערראשט צו זעהען אזא ריעזען אויפטהו, אבער נאך פיעל מעהר האט מיך איבערראשט צו זעהען ווי שטרענג כשרות, אין דעם שטרענגסטען זינן פון ווארט, ווערט דארט דורכגעפיהרט.

"איך פאהר אהיים פאר פסח, אום אריבערצוברענגען אהער מיין פאמיליע. ווען כ׳וואלט דא געבליעבען אויף פסח, וואלט איך געלאזען באקען מיינע שמורה מצות אין דער אמת כשר׳ער מצה בעקעריי פון הארוויץ בראדערס און מארגארעטען.

*)